איציק מאַנגער

# די וווּנדערלעכע לעבנסבאַשרייבונג פון שמואל אַבא אַבערווא

(דאָס בוך פון גן־עדן)



פאַרלאַג י. ל. פרץ תל־אביב, תשמ״ג 1983

**ITZIK MANGER**

# DI VUNDERLECHE LEBNS-BASHRAYBUNG FUN SHMUEL ABE ABERVO

**איציק מאַנגער**

# די ווּוּנדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל אבא אַבערוואָ

דאָס בוך פון גן־עדן

שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע
אין פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1939

אילוסטרירט פון מענדל רייף

**Printed in Israel**

**נדפס בישראל, תשכ״צ**

נדפס בדפוס אופסט „ראם״, ת״א טל. 659596

# אַ פּאָר ווערטער אויף צו פריער

ס'איז פאַר מיר אַליין אַביסל מאָדנע צו מיין פריילעכסטן בוך אַט די טרויעריקע הקדמה.

און אפשר דאַרף זיין אַזוי? ביים ראַנד פונם אָפּגרונט ווערט דאָס געלעכטער נאָך פאַרשייטער.

אויסגעבירגערט פון מיין היימלאַנד רומעניע, דערווייטערט פון מיין געליבטן יידיש־פוילישן ישוב, הענגענדיק אָן אַ פּאַס, אָן אַ וויזע צווישן די גרענעצן, פאַרנויג איך זיך אין אָט דער גראָטעסקער פּאָזע פאַרן געשעצטן עולם און פּרעזענטיר אים מיין שמואל אבא אַבערוואָ מיט זיין אויסטערלישער לעבנסבאַשרייבונג.

אייגנטלעך איז „דאָס בוך פון גן־עדן" דער ערשטער טייל פון אַ פאַרטראַכטער טרילאָגיע. „דאָס בוך פון דער ערד" און „דאָס בוך פון עולם התוהו" וועלן אפשר נאָך אָנגעשריבן ווערן.

אויך אין דעם הפקרדיק־פריילעכן בוך איז פאַראַן אַ סך פון מיינע אינטימסטע איבערלעבונגען, אַ סך פון מיין אייגענעם לעבן, ליידן און ליב האָבן.

דאָס דאָזיקע בוך ווידמע איך זיך אַליין, אַ זכר פון די איינזאַמע טעג און נעכט, אַרומגעבלאָנקעטע איבער די גאַסן און בולוואַרן פון פּאַריז.

די פריילעכסטע מאָמענטן אין אָט דעם אומענדלעכן הפקר זענען געווען די באַגעגענישן אין די ביינאַכטיקע שענקען מיט די שאָטנס פון די פראַנצויזישע וואַגאַנטן, יענע הפקרדיקע זינגער, וואָס זענען אפשר אין זייער היימלאַנד געווען נישט ווינציקער איינזאַם פון מיר.

אויך אַ שטיקל טרייסט. נאָר לאָמיר נישט פאַראומעטיקן די פריילעכע מעשה פון שמואל אבא אַבערוואָ.

רי שמואל אבא, איר האָט דאָס וואָרט!

איציק מאַנגער

פּאַריז, יאַנואַר 1939

I

# מיין לעצטער טאָג אין גן־עדן

די צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין גן־עדן, איז געווען די שענסטע צייט פון מיין לעבן. נאָך ביים היינטיקן טאָג טוט מיר אַ קלעם ביים האַרצן און עס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן, ווען איך דערמאָן זיך אין דער דאָזיקער גליקלעכער צייט.

אָפטמאָל פאַרמאַך איך די אויגן און לעב נאָך אַמאָל איבער די גליקלעכע יאָרן. די דאָזיקע יאָרן, וואָס וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן. סיידן, אַז משיח וועט קומען.

אין אַזעלכע פאַרחלומטע מינוטן פאַרגעס איך אַפילו, אַז מען האָט מיר אָפּגעשוירן די פליגל, איידער מען האָט מיך אַראָפּגעשיקט אויף דער אַנדערער וועלט. איך צעשפּרייט די הענט און פּרוּוו אַ פלי טאָן. און ערשט דעמאָלט, ווען איך פאַל אַראָפּ אויפן דיל און פיל אַ ווייטיק אין אונטערשטן טייל פון מיין גוף, דערמאָן איך זיך, אַז ס׳איז פאַרפאַלן, אַז פליגל פאַרמאָגן בלויז די באַשעפענישן אין גן־עדן.

און דערפאַר טאַקע האָב איך באַשלאָסן צו באַשרייבן אַלצדינג, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט, סיי פאַר מיין געבוירן ווערן, סיי נאָך מיין געבוירן ווערן. און באַשרייבן וויל איך עס נישט, כדי צו פאַרווילן די נישט־גלויביקע, נאָר כדי זיך אַליין צו טרייסטן. איך ווייס, אַז אַ סך מענטשן האָבן שוין באַשריבן זייער אייגן לעבן אין פאַרשידענע לשונות פון דער וועלט. איך אַליין האָב איבערגעלייענט אַ הונדערט אַזעלכע לעבנס־באַשרייבונגען און איך מוז זיך מודה זיין, אַז ס׳האָט געשלאָגן צו דער גאַל. אויף יעדן טריט האָבן איך געשפּירט, ווי ס׳רעדט די מענטשלעכע גאווה און דער עיקר — דער ליגן. דער ליגן, וואָס מאָלט זיך אַליין אין ראָזיקע פאַרבן און דעם צווייטן אין וואָס מער שוואַרצע. אַזאַ לעבנס־באַשרייבונג איז נישט מער ווי אַ שטות, וואָס איז אויסן אָפּצונאַרן דעם שוטה, וועלכער גלויבט דעריין, און דער עיקר זיך אַליין — דעם באַשרייבער.

איך אָבער וויל דערציילן אַלצדינג אַזוי, ווי ס׳איז געווען. נישט מינערן אויף קיין האָר. איך וויל קיינעם נישט איינרעדן, אַז איך בין אַ צדיק אין

פעלץ. חלילה וחס. כ'האָב אַ סך געגרייזט און אַ סך גוטס געטאָן. דאָרט, וואו איך האָב געגרייזט, וועל איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב געגרייזט, און דאָרט וואו איך האָב רעכט געטאָן, וועל איך דערציילן מיטן אַקוראַט ווי אַזוי און וואָס און ווען.

איך ווייס, אַז אַ סך מענטשן וועלן מיך פרעגן: היתכן, ווי קומט עס, אַ מענטש זאָל געדענקען מיטן אַקוראַט, וואָס מיט אים איז געשען פאַר זיין געבוירן ווערן? זיי, די פרעגערס, וועלן אַפילו ברענגען אַ ראיה, אַז אַזוינס איז נישט מעגלעך. איעדער איינער ווייסט, אַז איידער דער מענטש ווערט געבוירן, קומט אַ מלאך און גיט אים אַ שנעל אין דער נאָז און פון דעם דאָזיקן שנעל פאַרגעסט ער תיכף אַלצדינג, וואָס ס'האָט מיט אים פאַסירט, און אַפילו די תורה, וואָס דער מלאך האָט מיט אים געלערנט איידער ער איז אַראָפּ אויף דער זינדיקער וועלט.

די מענטשן, וואָס וועלן דאָס טענהן, וועלן זיין גערעכט. אַזוי איז דאָס טאַקע. אַזוי געשעט מיט יעדן מענטשן, איידער ער קומט אויף דער וועלט. דער מלאך שנעלט טאַקע אין דער נאָז איעדן איינעם און יעדער איינער פאַרגעסט טאַקע אַלצדינג. אָבער מיט מיר איז געשען אַ נס, אַן אויסטער־לישער נס. און דעם נס וויל איך טאַקע דערציילן אויף צו פריער, כדי מען זאָל פאַרשפאָרן צו שושקען איינער דעם צווייטן אין אויער אַריין, אַז אָט דער שמואל־אַבא אַבערוואָ האָקט אַ טשייניק, בראָקט ליגנס, ווי אַ אידענע לאָקשן.

אין דעם טאָג, ווען מען האָט מיך איבערגעגעבן אין רשות פון מלאך, וואָס האָט מיך געדאַרפט אַראָפּברענגען אויף דער ערד, בין איך גראָד געזעסן אונטער אַ גן־עדן־בוים און געשעפּט תענוג פון די קאַנאַריקעס, וואָס האָבן זיך צעזונגען ווי אין פסוק שטייט. אַגב, מוז איך איך זאָגן, אַז אַנטקעגן די גן־עדן־קאַנאַריקעס זענען די ערדישע קאַנאַריקעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. ערשטנס זענען די גן־עדן־קאַנאַריקעס צוואַנציק מאָל גרעסער און זינגען זיי אַזוי, אַז מען קאָן עס פשוט נישט באַשרייבן אין קיין שום מענטשלעכן לשון. אַזוינס מוז מען הערן מיט די אייגענע אויערן, כדי צו פאַרשטיין דעם חילוק.

געווען איז דאָס בין־השמשות־צייט. דער גמרא־מלמד, ר' מאיר פאַרעך, אַ מלאך מיט שווערע טונקל־גראָע פליגל, איז אַוועק צו מנחה־מעריב אין דער מלאכישער קלויז, די תלמידים זענען זיך דערווייל צעלאָפן. ווער ס'האָט

פישערלס מאַמע, די מלאכטע חנה־דבורה, איז אַריינגעקומען פונם אַלקער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר און געפּרואווט פון מיר דער־גיין, וואו מיר, דאָס הייסט, איך און פישערל, זענען עס פאַרפאַלן געוואָרן. זי האָט שוין געמיינט, ־יוער ווייסט, וואָס ס׳איז מיט אונז געשען. זי האָט שוין געוואָלט גיין צו דער גן־עדן־פּאָליציי, מאַכן אַ געוואַלט, אַז מען זאָל אונז זוכן.

איך האָב נישט געוווּסט, צי מעג איך דערציילן דעם אמת. כ׳האָב איינגעאַנצן פאַרגעסן זיך אָפּצוּרעדן מיט מיין חבר פישערל וועגן דעם ענין.

אַ ווײַלע בין איך געזעסן נישט אַנטשלאָסן, געספקט: יאָ? צי ניין? און סוף־כל־סוף האָב איך באַשלאָסן, אַז איך בין נישט מחויב איר צו דער־ציילן דעם אמת. אויב פישערל וויל, זאָל ער איר דערציילן.

איך האָב זיך געמאַכט תמעוואַטע. איר געזאָגט, אַז מיט פישערלען האָב איך זיך נישט געזען אַן ערך דריי טעג. אדרבא, דאָס בין איך איצט געקומען געוואויר ווערן, צי איז ער נישט, חלילה, קראַנק.

— קראַנק, — האָט די מלאכטע חנה־דבורה אַ פּליעסקע געטאָן מיטביידע הענט, — זאָלן מיינע שונאים קראַנק זיין. מער פעלט מיר נישט, נאָר פישערל זאָל קראַנק זיין. אַ ווייטיק דער מאַמען.

זי האָט נאָך געפּרואווט ביי מיר פאָרשן. נאָר אַז זי האָט געזען, אַז איך האַלט זיך ביי מיינס, אַז איך ווייס נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום, האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז צוריק אַריין אין אַלקער.

פישערלס טאַטע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אָפּצייכענען די פּאָר פליגל. סיאַמקע האָט גראָד פאַרענדיקט אַ פּאָר פליגל, זיי פאַרטיק געמאַכט אויף צו פּרובירן.

פישערלס טאַטע איז אַוועקגעפלויגן צום קונה העניל מלאך, דעם מילנער, פּרובירן די פליגל. קוים איז ער אַרויס פון שטוב, האָט זיך סיאַמקע מלאך צעזונגען:

'אַ ליבע צו שפּילן איז נישט כדאַי,
מלאכים, איך טו אייך באַשווערן,
ס׳וועט ענק זיין וואויל ווי די וועלט,
אויב עץ וועט מיין עצה אויסהערן.

די ליבע איז, אוי, אַן אומגליק, אַ פּלאָג
און קאָסט אָפּ אַ מאַיאָנטעק מיט טרערן,
זי לאָזט דיך נישט אַרבעטן בייטאָג
און ביינאַכט נישט אַנטשלאָפן ווערן.

און בערל מלאך, דער צווייטער שניידער־געזעלן, וואָס איז מיט סיאָמקע מלאך געווען אויף מעסער־שטעך, איז אין דעם פאַל געווען מסכים מיט זיין שונא. ער האָט זיך צעגאָרגלט אויף אַ קול:

אַט טוט דיר דאָס גליק אַ שיין אויף אַ וויל,
מיט פייגעלעך, בלומען און שטערן,
און אַט אַנטלויפט עס אויף טויזנט מייל,
אַז ס׳איז נאָר משוגע צו ווערן.

אוי, משוגע צו ווערן איז נישט כדאי,
מלאכים, איך טו ענק באַשווערן,
האָטס די ליבע טיף טייער אין דר׳ערד,
וועט איר תיכף געהאָלפן ווערן.

מיר איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק פון אָט דעם דאָזיקן לידל. איך האָב זיך דערמאָנט יענע לבנה־נאַכט, ווען איך האָב געזען די דאָזיקע צוויי פאַרליבטע שניידער־מלאכים זיך צונויפשטויסן אויפן טראָטואַר. זיי וויסן אַפילו נישט, אַז איך האָב זיי געזען און געהערט זייער שמועס — האָב איך געטראַכט. און פונדעסטוועגן איז מיר נישט גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

אין אַלקער האָט זיך צעזונגען פישערלס שוועסטער, עטל, די שיינע מלאכטע מיט די ראָזע פליגל. זי איז, ווייזט אויס, נישט געווען מסכים מיטן מוסר־השכל פון די צוויי אומגליקלעך־פאַרליבטע שניידער־מלאכים. איר ליד איז געווען האָפּערדיק. איר קול איז געווען צוקער־זיס:

דו ביסט מיר געקומען צו חלום,
מיין טייער גאָלד, מיין לעבן,
און האָסט מיר אַ פינגערל פון גאָלד
צום עוויגן אָנדענק געגעבן.

דאָס פינגערל פון גאָלד איז זייער שײן,
איך טו עס אויף מײן פינגער טראָגן,
איך האָב עס געוויזן מײן חברטע
און געזאָגט איר אַזוי צו זאָגן:

דאָס פינגערל האָט מיר מײן חתן געקויפט,
אַ מלאך מיט ליכטיקע אויגן — —
און ווען טאַטע־מאַמע וואָלטן געלאָזט,
וואָלט איך תיכף צו אים געפלויגן.

און איך וואָלט זיך ביי אים אָפּגעזאָמט
אַ גאַנצן מאַיאָנטעק מיט יאָרן,
ביז מײנע שײנע, שוואַרצע צעפּ
וואָלטן ווײס ווי שניי געוואָרן.

גיי ווייס ווער פון זיי ס׳איז גערעכט — האָב איך געטראַכט. יענע טענהן אַזוי, קומט פישערלס שוועסטער און טענהט קאַפּויער. אַז איך וועל זיין אַ גרויסער — האָב איך באַשלאָסן — וועל איך שוין וויסן אויף קלאָר אַ באַשייד.

סיאָמקע מלאך האָט טיף אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל און ס׳האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. כ׳האָב אַליין געזען, ווי אַ טרער איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אויגן אויף אָן איבער־געניצעוועטן פּליגל.

בערל מלאך איז מקנא געווען זיין קאָנקורענט פאַר דער טרער. ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט פון דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל און דערביי גע־קוועטשט די אויגן, ביז ס׳איז אים אויך געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ טרער.

ער האָט אַ בליק געטאָן מיט נצחון אויף סיאָמקע מלאך. זיין בליק האָט גערעדט ווערטער:

— וואָס מיינסטו, נאָר דו קאָנסט מקריב זיין אַ טרער צוליב דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל? לאָ מיט אָן אַלף.

סיאָמקען האָט עס אָפּנים פאַרדראָסן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שנעלער געוואָרפן מיט דער נאָדל און געזונגען:

כאַטש דו האָסט מיך אויסגעלאַכט, סערדצע,
כאַטש דו האָסט געטריבן פון מיר שפּאַס,
קאָן איך זיך קיין אָרט נישט געפינען
און וואָגל דורך די נעכט אויף דער גאַס.

די לבנה מיט די טויזנטער שטערן,
זיי ברענגען מיר גערוסן פון דיר,
און איך, איך קאָן דיך נישט דערגרייכן, —
מיר זאָל זיין, דושענקע, פאַר דיר.

בערל מלאך האָט זיך אָפּגערוקט פונם ווערק־טישל. סיאָמקעס ליד האָט אים גערייצט. ער האָט געפילט, אַז קוים זינגט סיאָמקע נאָך איין סטראָף, וועט ער, בערל מלאך, זיך מער נישט קאָנען איינהאַלטן. ער וועט כאַפּן דעם פרעס־אייזן און אים פלעטן דעם קאָפּ.

צום גליק איז סיאָמקען אויסגעגאַנגען דער פאָדים. דאָס ליד האָט נאָר פאַרמאָגט צוויי סטראָפן און בערל מלאך האָט זיך באַרואיקט.

דאָס הייסט, ס׳רעדט זיך נאָר באַרואיקט. וואָס ביי אים האָט זיך אָפּגעטאָן אין האַרצן, ווייסט נאָר איין גאָט, אָבער פון דרויסן האָט מען עס נישט אָנגעזען.

פישערל האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם שלאָף. ער איז אַריינגעגאַנגען אין וואַרשטאָט און דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט. ער איז צו מיר צוגעלאָפן, מיך אַרומגעכאַפּט, גלייך מיר וואָלטן זיך נישט געזעהאָט געזען א שאָק מיט יאָרן.

— ביזט שוין דאָ פון לאַנג, שמואל־אַבא?

— איך וואַרט שוין אויף דיר איבער אַ שעה, פישערל. דו האָסט עס קיינעהאָרע געכאַפּט אַ דרימל...

מיר זענען ביידע צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און אַרויסגעקוקט. אינדרויסן, אויף דער לאַנקע, האָט זיך געפּאַשעט דער שור־הבר. די דריי באַרוועסע פאַסטוכער, וואָס האָבן אים געהיטן, האָבן געשפּילט אַ דערדע.

— דער שור־הבר, — האָט איך געזאָגט צו מיין חבר, — ווערט מיט יעדן טאָג פעטער. ביז משיח וועט קומען וועט ער שוין זיין אַזוי פעט, אַז מען וועט אים קוים קאָנען רירן פון אָרט.